**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/7/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט דאס אנהייבן פון קאנסטרוקציע אויף א 14.7 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין ניאגארא קאונטי

***׳טרו׳ בעטהעל קאמאנס׳ וועט פיגורירן 39 צוגענגליכע אפארטמענטס***

***דעוועלאפמענט וועט איבערטוישן דער געוועזענער ׳סעיקרעד האַרט׳ סקול ארט אויף ארבעטסקראפט האוזינג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף ׳טרו׳ בעטהעל קאמאנס׳, א 14.7 מיליאן דאלערדיגע 39-דירה צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין ניאגארא פאָללס מיט אכט דירות פולשטענדיג צוגעפאסט פאר מענטשן מיט פיזישע דיסאביליטיס. די נייע האוזינג איז געשטיצט טיילווייז דורך ניו יארק סטעיט האומס ענד קאמיוניטי ריניועל און דער סטעיט׳ס ׳דעפארטמענט אָוו פארקס, רעקריעישען, ענד היסטאריק פרעזערוועישען׳, און עס קומט פאר דורך דאס צוגעפאסטע איבערבאניצן פון א געוועזענער ׳סעיקרעד האַרט׳ סקול, רעקטארי, און קאנווענט בנינים אויף סאוט עווענו.

"איינפעליגע און דורכגעטראכטע אינוועסטירונג אין ניו יארק׳ס פארגאנגענהייט גיבט קרעפטן פאר ניו יארק׳ס צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער ׳טרו׳ בעטהעל׳ סקול, וואו טויזנטער קינדער האבן זיך געלערנט לייענען און שרייבן און קלערן, האט א נייע צוועק — צוגענגליכע האוזינג פאר ניו יארקערס וואס ארבעטן שווער אנצוקומען ווייטער און געבן פאר זייערע פאמיליעס א גוטן לעבן. אלע ניו יארקערס קומט זיך דער שאנס און דערפאר פארשפרעכן מיר צו פארזעצן ווייטער צו ברענגען מער און מער צוגענגליכע האוזינג געלעגנהייטן צו קאמיוניטיס לענגאויס דעם גרויסן סטעיט."

אלע 39 דירות וועלן זיין צוגענגליך פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען מערסטנס 50 פראצענט פון דעם מיטל-פונקט פארדינסטן אין דעם געגנט. אכט דירות וועלן זיין פולשטענדיג צוגענגליך און צוגעפאסט פאר מענטשן מיט געוויסע פיזישע געברויכן. דער פראיעקט וועט האבן 25 פראדזשעקט-באזירטע ׳סעקשען 8׳ האוזינג אויסוועל וואוטשערס פון די שטאט ניאגארא פאָללס.

׳טרו׳ בעטהעל קאמאנס׳ איז נאענט צו העלט קעיר איינריכטונגען, מוניציפאלע סערוויסעס, סקולס, ריטעיל ערטער, גראסערי סטארס, פארמאסיס, א לייברערי, און פובליק פארקס. איר אינער-שטאטישע לאקאציע גיבט דירעקט צוטריט צו מערערע פובליק טראנספארטאציע ראוטס וואס גיבן פאר איינוואוינער דירעקט צוטריט צו די קאמערציעלע קארידארן פון דער שטאט ניאגארא פאָללס ווי אויך א ריי אנדערע סערוויסעס אינדרויסן פון דער שכנות.

דער קאמפלעקס איז אויסגערעכנט אויף דער סטעיט און פעדעראלע ליסטע פון היסטארישע ערטער. דאס אויסשטעלן מוז פרעזערווירן דער כאראקטער פון די געביידעס, אריינגערעכנט אנהאלטן די ברייטע

סקול קארידארן און פענצטער איבער די טירן, ווי אויך די איינצלהייטן פון די האלץ ארבעט און קאלירטע גלאז פענצטער אין דער רעקטארי און קאנוועגט הויז, און צוריקשטעלן א גרויסער טייל פון דער גימנאזיום.

דער פראיעקט איז אויך אויסגעשטעלט צו טרעפן ׳ענטערפרייז גרינע קאמיוניטיס׳ פארלאנגען און בנין באקוועמליכקייטן וואס נעמען אריין א געמיינשאפטליכע צימער מיט א קיך ארט, שפיל פלאץ, באַלק סטאָרעדזש פאר בייקס און אנדערע גרויסע חפצים, קאמפיוטער צימער, און לאנדרי צימערן אין יעדע בנין. טענאנטס וועלן זיין פאראנטווארטליך פאר עלעקטריק, הייצונג, און גאז. אלע דירות וועלן פארמאגן ענערגיע עפעקטיווע גאז רעינדזשעס און אויוונס, פרידזשידערס, און באלייכטונג.

׳בעלמאנט האוזינג רעסורסעס פאר מזרח ניו יארק אינק.׳ בויעט דער פראיעקט אין שותפות מיט ׳טרו קאמיוניטי דעוועלאפמענט קארפארעישען׳.

׳ניו יארק סטעיט האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ האט געגעבן א ווערט פון 7.9 מיליאן דאלער דורך דער לאָו-אינקאם האוזינג טעקס קרעדיט פראגראם און 2.3 מיליאן אין האוזינג טראסט פאנד סאבסידי. אין צוגאב איז דא 2.3 מיליאן דאלער אין פעדעראלע היסטארישע טעקס קרעדיט ווערט און 1.5 מיליאן דאלער אין סטעיט היסטארישע טעקס קרעדיט ווערט אלאקירט פון דער סטעיט ׳דעפארטמענט אָוו פארקס, רעקריעישען, ענד היסטאריק פרעזערוועישען׳. דער ׳פעדערעל האָום לאָון בענק אָוו ניו יארק׳ האט געגעבן 390,000 דאלער און דער שטאט ניאגארא פאָלס האטביישטייערט 50,000 צו די קאסטן פון דעוועלאפמענט.

**HCR קאמישענער רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "פרעזערווירן און פארבעסערן דער היסטארישער כאראקטער פון קאמיוניטיס ווי ניאגארא פאָלס דורך צוגעפאסטע איבערניץ איז צענטראל צו HCR׳ס אויפגאבע. די דאזיגע אינוועסטירונג אין ׳טרו בעטהעל קאמאנס׳ צייגט אונזער אנגייענדע פארשפרעכונג זיך אנצושליסן מיט רעליגיע-באזירטע ארגאניזאציעס ארייננצובלאזן א נייעם לעבן אין אונטערבאניצטע פארמעגנס און דעליווער׳ען מער האוזינג און סערוויסעס צו די איינוואוינער און קאמיוניטיס פון מערב ניו יארק. דער נייער 14.7 מיליאן דאלערדיגע קאמפלעקס וועט געבן 39 הערליכע און אייגנארטיגע וואוינונגען פאר מענטשן און וואקססנדע פאמיליעס. קאנגראטולאציעס צו בעלמאנט האוזינג און דער שטאט ניאגארא פאָלס פאר זייערע ברייטהארציגע און קאאפעראטיווע באמיאונגער צו פלאנירן, פינאנצירן, און, אין לויף פון דער ערגסטער טייל פון דער פאנדעמיע, געזען צו פירן דעם דעוועלאפמענט עס צו זען צום פארענדיגן."

׳טרו בעטהעל קאמאנס׳ איז א טייל פון דער סטעיט׳ס פראגראם צו געבן פאר ניו יארקערס צוטריט צו זיכערע און צוגענגליכע האוזינג דורך איר 20 ביליאן דאלערדיגע, פינף-יעריגע האוזינג פלאן. דער פלאן מאכט האוזינג צוטריטליך, און באקעמפפט היימלאזיגקייט דורך בויען אדער פרעזערווירן מער ווי 100,000 צוגענגליך-געפרייזטע היימען און 6,000 מיט אויפהאלט סערוויסעס.

איבער די לעצטיגע צענדליג יארן האט HCR באשטימט איבער 500 מיליאן דאלער אין רעסורסן צו פינאנצירן 82 מולטי-פאמיליע דעוועלאפמענטס און 5,600 צוגענגליכע אפארטמענטס אין דעם מערב ניו יארק ראיאן. דער אגענטור׳ס אינוועסטירונג האט גענוצט מער ווי 754 מיליאן אין אנדערע פאנדינג צו שאפן אדער פרעזערווירן די דעוועלאפמענטס.

**פארקס קאמישענער עריק קולעסייד האט געזאגט,** "דאקומענטירן אזא היסטאריש רעסורס אלס דער געוועזענער ׳סעיקרעד האַרט׳ קירכע קאמפלעקס איז א הויפט טייל פון אונזער מיסיע דא ביי סטעיט

פארקס. אונזער היסטארישע אפהיטונג דיוויזיע האט געהאלפן אויף איינצושרייבן דעם ארט אין די סטעיט און נאציאנאלע רשימות פון היסטארישע ערטער אין 2019, עפענענדיג דורכדעם דער טיר צו די מעגליכקייט פון האבן די סטעיט און פעדעראלע רעהאביליטירונג טעקס קרעדיט וואס העלפן מאכן דעם פראיעקט א ווירקליכקייט. איבער דער לעצטער צענדליג יאר האט דער סטעיט באשטעטיגט דאס באניץ פון קאמערציעלע טעקס קרעדיט פאר מער ווי 1,000 היסטארישע פראפערטיס, טרייבנדיג מער ווי 12 ביליאן דאלער אין פריוואטע אינוועסטירונג. דער פרעכטיגער קאמפלעקס אין ניאגארא פאָללס גייט נאך צוריק צו די 1850׳ער יארן און איז פארברייטערט געווארן אין פארלויף פון די יארן, און איצט באקומט עס א נייעם לעבן אויף פארצוזעצן סערווירן איר קאמיוניטי."

אין דער מערב ניו יארק ראיאן זינט 2011 האבן היסטארישע טעקס קרעדיטס געשטיצט מער ווי 134 קאמערציעלע פראיעקטן, אין סך הכל פון איבער 1.1 ביליאן דאלער אין פאראויסגעזעענע אינוועסטירונג. א שטודיע דורך דער נאציאנאלע פארק סערוויס גיבט דייטליך די איינפלוס פון טעקס קרעדיטס אויף דזשאבס און טעקס איינקונפט אין ניו יארק סטעיט. פאר דער פינף-יעריגער צייט אפשניט פון 2015 ביז 2019 האט היסטארישע טעקס קרעדיט אקטיוויטעטן אין ניו יארק סטעיט דזשענערירט 67,578 דזשאבס איבער׳ן לאנד און מער ווי 195 מיליאן דאלער אין ארטיגע, סטעיט, און פעדעראלע טעקסעס.

**סענאטאר ראבערט ארטט האט געזאגט,** " ׳טרו בעטהעל קאמאנס׳ וועט געבן א זיכערע און אויפנעמענדע פלאץ פאר ניאגארא פאָללס פאמיליעס צו לעבן און וואקסן אין אונזער קאמיוניטי. דער צוגענגליכקייט פון איר לאקאציע וועט נישט נאר גיבן גרינגע צוגענגליכקייט צו קריטיש-וויכטיגע פובליק רעסורסן נאר אויך וויכטיגע קאמיוניטי הילף פאר איינוואוינער. איך אפלאדיר ניו יארק סטעיט און אלע מערב ניו יארק שותפים אריינגעמישט אין די קאנסטרוקציע פון דער העכסט-נויטיגער צוגענגליכער האוזינג פראיעקט."

**ניאגארא קאונטי לעגיסלאטור פארזיצערין בעקי ווידיש האט געזאגט,** "דאס איז א באגייסטערנדע פראיעקט, נישט נאר ווייל עס וועט שאפן הויך-קוואליטעט און צוגענגליכע האוזינג וועלכס איז העכסט נויטיג נאר אויך ווייל עס איז דער סארט צוגעפאסטע איבערניצן וועלכס איז א וויכטיגע פריאריטעט פאר אונז אלע. איבערבויען אונזערע געגנטער הייבט זיך אן מיט נעמען ערטער ווי דער געוועזענער ׳סעיקרעד האַרט׳ סקול און גיבט זיי א צווייטער לעבן. זען אז די פראיעקטן זאלן גיין פונ׳ם אויסשטעל פאזע צו ברעכן ערד איז קיינמאל נישט גרינג, און דערפאר לויב איך די אלע וואס האבן געארבעט אין ׳טרו בעטהעל קאמאנס׳ פאר אלע זייערע באמיאונגען אנצוקומען צו דער היינטיגער גרייכפונקט."

**׳בעלמאנט האוזינג׳ וויצע פרעזידענט ברעד פעקערד האט געזאגט,** "דער ׳טרו בעטהעל קאמאנס׳ פראיעקט וועט צוגעבן צו און פארברייטערן די באמיאונגען פון דער שטאט און סטעיט אין צוזאמענהאנג מיט דער דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו לענגאויס דער בריק דיסטריקט קארידאר אין ניאגארא פאָללס. ׳בעלמאנט האוזינג׳ פריידט זיך צו ביישטייערן צו דער ברייטערער איניציאטיוו מיט דער אינוועסטירונג אין דער שותפות מיט ׳טרו קאמיוניטי דעוועלאפמענט קארפארעישן׳, דער שטאט ניאגארא פאָללס און ניו יארק סטעיט. ׳טרו בעטהעל קאמאנס׳ וועט צושטעלן 39 נייע וואוינונגען פאר צוגעפאסטע פאמיליעס אין דער קאמיוניטי אין צוגאב צו אויפריכטן און פרעזערווירן א באדייטנדע היסטאריש אייגנטום פאר דעם געגנט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן